בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת במדבר תשפ"ב
מאמר ב' ס"ג
•••
כנס הכנה
לקבלת התורה תשפ"ב
מאמר ג'

יו"ל פר' במדבר תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**מ'גרייט** זיך צו די יום טוב שבועות - קבלת התורה, אבער מ'דארף געדענקען דאס וואס דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (נ, טז) '**ולרשע אמר אלקים מה לך לְסַפֵּר חקי**', די תורה איז נישט הפקר וואס יעדער בן בליעל קען דאס לערנען, 'ואתה שנאת מוסר ותשלך דברי אחריך, אם ראית גנב ותרץ עמו ועם מנאפים חלקך' (שם, יז-יח). איז וואס איז די עצה דערויף, צו דען איז בעסער אז חלילה זאל ער בכלל נישט לערנען?! נאר אויב ער וועט לערנען האט ער נאך א האפענונג אז ער וועט פארבעסערען זיינע וועגען און ער וועט תשובה טוהן, ווייל 'אורייתא קא מודעת ליה חוביה' (זוה"ק ח"ג כג:) - וואס ער דארף זיך פארעכטען, און דורך די 'מרדות אחת' וואס קומט דורכ'ן לערנען תורה, האט ער א האפענונג אז ער וועט זיך אומקערען צום גוטען.

**נאר** דער ענטפער דערויף איז אזוי וויא דער **תרגום** זאגט דארט '**ולרשע - ולרשיעא דלא עבד תתובא**', אז ס'גייט ארויף אויף א רשע וואס טוהט נישט תשובה אויף זיינע מעשים דורך לערנען די תורה, אז דער לערנען זאל ח"ו נישט זיין בבחינת 'לספר' חקי - סיפור דברים בעלמא, ותשא בריתי 'עלי' פיך - א אינדרויסענ'דיגע זאך, נאר די לערנען דארף איינגעזאפט ווערען אין פנימיות און אין טיפעניש פון הארץ. אבער דער מענטש דארף נישט קוקען אויפ'ן פארגאנגנהייט - און צוליב דעם זיך צוריק האלטען פון לערנען די תורה, ווייל די עיקר חשבון דארף זיין אויף וואס מ'טוהט יעצט, צו ער טוהט תשובה אדער נישט. און יעדער מאהל וואס א מענטש עפענט אויף א ספר, דארף ער שפירען א ציפ אין הארץ אז ער וויל זיך טוישען דורכ'ן לערנען, ווייל אויפדעם איז דער תורה געמאכט געווארען, און אן לערנען וועט מען קיינמאל נישט צוקומען תשובה צו טוהן.

**מיר** האבען געלערנט אין די משנה (עדיות פ"ב מ"י) אז רבי עקיבא האלט אז משפט רשעים בגיהנם שנים עשר

חדש, שנאמר (ישעיה סו, כג) 'והיה מדי חודש בחדשו' [און מ'רעדט פון די משפט הרשעים, ווייל אין המשך פון פסוק שטייט (שם, כד) 'ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה והיו דראון לכל בשר'], און רבי יוחנן בן נורי זאגט, מן הפסח ועד העצרת, שנאמר (שם) 'ומדי שבת בשבתו'. געבען די **מפרשים** (עי"ש בפי' הראב"ד ורע"ב) צו פארשטיין אז 'פסח' ווערט אנגערופען **שבת** ווייל ס'שטייט אין פסוק (אמור כג, יא) 'ממחרת **השבת**', און אזוי אויך ווערט 'שבועות' אנגערופען **שבת**, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (שם, טז) 'עד ממחרת **השבת** השביעית', און דאס איז די באדייט וואס ס'שטייט אין פסוק 'מדי **שבת** **בשבתו**' [און דאס ווערט אויך מרומז אינדעם וואס שטייט 'חודש בחדשו', ווייל די ימי הספירה ציעהן זיך אויפ'ן חודשים ניסן, אייר, סיון].

**און** באמת'ן אריין איז אונז בכלל נישט קיין נפקא מינה אינעם 'משפט רשעים בגיהנם' אין עולם העליון, און דער עיקר וואס אונז דארפען וויסען איז אז מיר דארפען תשובה טוהן כדי מיר זאלען נישט אנקומען צום גיהנם. אבער רבוה"ק זי"ע האבען געטייטשט אז די ווערטער פונעם משנה איז געזאגט געווארען אונז צו לערנען, אז אויב מיר זעהן אז אויבען אין הימעל איז די 'משפט רשעים בגיהנם מפסח ועד עצרת', איז אוודאי אז אין עולם הזה קען מען די טעג תשובה טוהן און פארעכטען די מעשים און זיך אויפירען אזוי וויא ס'דארף צו זיין, און אויס'פועל'ן אז מ'זאל בכלל נישט צוקומען צו די משפט רשעים בגיהנם (עי' לקוטי הרי"מ ימי הספירה ד"ה משפט, ופני מנחם שמיני עמ' צ-צא ועמ' קג). און דאס איז וואס ס'איז אונז נוגע אז מיר זאלען זיך אפלערנען פונדעם וואס ס'שטייט אין די משנה - און פארדעם צוועק איז דאס געשריבען געווארען, אונז מעורר צו זיין אויף תשובה צו טוהן כל זמן וואס מיר לעבען, און ספעציעל אין די טעג - די ימי הספירה, וואס דאס איז א זמן וואס איז געווידמעט געווארען דערויף און ס'איז מסוגל זיך אומקערען און נענטער ווערען.

**דער** רמב"ם (בפיה"מ) פרעגט מיר דארפען פארשטיין וואס איז די שייכות

פון די משנה צו מסכת עדיות, דער גאנצע מסכתא איז דאך עדות פון הלכות חמורות, איז פארוואס איז די 'זמן משפט רשעים בגיהנם' בכלל נכלל געווארען צווישען די עדויות. און ער ערקלערט, אז גאנץ מסכת עדיות איז געזאגט געווארען אין איין טאג, אין יענעם טאג וואס מ'האט מעביר געווען רבן גמליאל פון די נשיאות, און מ'האט געזעצט אנשטאט איהם רבי אלעזר בן עזריה, און אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (ברכות כח.) **עדיות בו ביום נשנית**, און דעריבער אלץ וואס ס'איז געזאגט געווארען יענעם טאג ווערט ארייגערעכנט אין מסכת עדיות.

**אבער** ס'ליגט אין זיינע ווערטער א טיפקייט, אז נישט אומזיסט איז געלערנט געווארען די משנה אין יענעם טאג, נאר דאס איז דערפאר ווייל רבן גמליאל האט אויסגערופען און געזאט **'כל תלמיד שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש'**, און אין יענעם טאג האט מען אוועק גענומען דעם שומר הפתח, און מ'האט געגעבען רשות פאר אלע תלמידים אריין צוגיין - אויך פאר דער וואס איז נישט געווען תוכו כברו, און נישט אומזיסט האט מען יעדעם געלאזט אריין קומען אין בית המדרש, נאר כדי זיי זאלען תשובה טוהן, און אויסנוצען דעם פתח וואס איז געעפענט געווארען פאר זיי כדי זיך אומקערען אויף גוט'ס. און אין יענעם טאג איז אונז געזאגט געווארען די משנה פון 'משפט רשעים בגיהנם מפסח ועד עצרת', ד. ה. אז אין די טעג - ווען די טויערען עפענען זיך אויף, קען מען אויס'פועל'ן אז מ'זאל נישט דארפען אנקומען בכלל צו גיהנם, מיר דארפען אויסנוצען דעם געלעגנהייט, אנהאלטען אין די גוטע זמנים, נתעורר ווערען און אריינגיין אינעם אפענעם טויער.

**און** ס'שטייט אין די גמרא (ברכות שם) אז דער תלמיד וואס דורך איהם איז נתגלגל געווארען דער שינוי אז מ'האט ארויפגעזעצט רבי אלעזר בן עזריה אנשטאט רבן גמליאל אלץ נשיא - איז געווען רבי שמעון בן יוחאי, און מ'מיינט נישט חלילה אויף דברי ריבות, נאר די כוונה איז אויף די פתח וואס איז געעפענט געווארען צוליב די מינוי פון רבי אלעזר בן עזריה, אז אין זכות און

מיט'ן כח פון רבי שמעון בן יוחאי איז אויך דער וואס איז נישט 'תוכו כברו' קען אריינגיין און לערנען תורה, וואס דורכדעם וועט ער תשובה טוהן און נישט ווערען אריינגערעכנט אין דאס וואס ס'שטייט 'ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי'.

**אבער** געוויס דארף מען וויסען אז 'אין תוכו כברו' איז אויך געזאגט געווארען אויף גוט'ס - לטיבותא, און אזוי שלמה המלך ע"ה זאגט (שה"ש א, ו) **'אל תראוני שאני שחרחורת ששזפתני השמש'**, ווייל אונזער אינערוויניג - די תוך תוכו - איז גוט, ווייל יעדער איד וויל באמת גוט זיין און זיך באהעפטען צום רבונו של עולם, נאר די שאור שבעיסה איז מעכב, און טראצדעם וואס ער איז אין תוכו כברו - אז ער האט נאך אויף וואס תשובה צו טוהן, פונדעסטוועגען אין זיין 'תוך תוכו' וואס באהאלט זיך אינטער די שאור שבעיסה וויל ער און ער גלוסט זיך צו דענענטערען צום אייבערשטען.

**אין** די פרשת התוכחה שטייט (בחקותי כו, מב) **'וזכרתי את בריתי יעקוב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור'**, און ס'איז באוואוסט וואס דער של"ה הק' זאגט דערויף (פר' בחקותי דרך חיים תוכחת מוסר) אז דער פסוק איז א חלק פון די תוכחה, אז נאכ'ן גאנצען תוכחה מיט אלע חשבונות, איז דא א טענה אויפ'ן מענטש, האסט געהאט אזעלעכע אבות און פריעדיגע דורות, און וויא אזוי קוקסט דו אויס, מיט אזעלעכע אבות אברהם יצחק ויעקב וואלטען געדארפען מקויים ווערען אין דיר **'לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם'** (עי' ב"מ פה.), פון אזעלעכע אבות הק' האסטו זיך דערווייטערט און ביסט אראפ געגאנגען מטה מטה?!

**אבער** אין המשך פונעם פסוק שטייט 'והארץ אזכור', אין א לשון הווה, ווייל **'והארץ אזכור'** איז א הלצת זכות און רחמים אויף די אידישע קינדער, ווייל ס'איז אנטפלעקט פאר'ן אייבערשטען יעדער דור מיט זיינע נסיונות, און דער אייבערשטער זאגט כביכול איך ווייס אז די **'ראשית חכמה'** ליגט באהאלטען אין ספרים שאנק, און דער יצר הרע ברענט אין דער גאס - בראש חוצות,

און אין יעדער דור און דור מערט זיך די ארציות, און מ'ווערט מער און מער פארזינקען אין די בלאטע און אין די שמוץ פונעם עולם הזה, און אויך פונדעם געדענקט דער אייבערשטער אין יעדער דור און דור כדי רחמנות צו האבען אויף די אידישע קינדער, אז די אינערווייניג פון יעדער אידישע קינד גלוסט און איז משתוקק צום אייבערשטען, אזוי וויא ס'שטייט 'נפשי **חולת אהבתך**', און חז"ל זאגען (מדרש תהלים ט) 'חולת אהבה, חולי שאינה של מעים ולא של ראש, **ממה אני חולה - מאהבתו**, הוי (שה"ש ב, ה) כי חולת אהבה אני'. און ס'איז טאקע דא מאלען וואס מיר שפירען דאס נישט, אבער אינעם פנימיות פון הארץ איז פארהאנען א רצון צום רבונו של עולם וואס ווערט נישט אויסגעלאשען. און בפרט בשעת רעוא דרעוין קען מען ערוועקען דעם רצון, און איהר ארויס ברענגען אל הפועל אינעם כלי המעשה, צו מאכען פון איהר א 'חפץ' אז ס'זאל זיין א דבר שיש בו ממש.

**מיר** דארפען זיין קלוג און אויסנוצען דער פתח וואס איז אפען פאר אונז, אריינגיין דערין און פארעכטען אונזערע וועגען, זיך צוגרייטען צו מתן תורה אז מ'זאל זוכה זיין מקבל זיין די תורה בשמחה ובטהרה.

## כנס הכנה לקבלת התורה
## תשפ"ב מאמר ג'

**דוד** המלך ע"ה זאגט אין תהלים (קיט, עב) '**טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף**', פרעגען די **מפרשים** (עי' הפלאה פתחא זעירא אות ג, ועשרה למאה דרוש ד) גאלד - 'זהב' איז דאך מער חשוב פון זילבער - 'כסף', און אויב דוד המלך זאגט אז די תורה איז איהם בעסער 'מאלפי זהב', איז ווידער איבעריג צו צולייגען און זאגען אז די תורה איז איהם באליבט אויך מער 'מאלפי כסף' [און בפשטות איז נישט די שטייגער פון די פסוקים צו שרייבן בדרך 'זו ואין צריך לומר זו', נאר בדרך 'לא זו אף זו']. און בפשטות קען מען זאגען אז '**כסף**' מיינט נישט א שטיקל אייזען אדער מטבעות, נאר מ'מיינט א פארמעגען, אזוי וויא מיר טרעפען אין **תרגום** די לשון '**סימא**', און א פארמעגען - 'הון' און 'נכסים' איז

מער ווערט פון גאלד - זהב. און ס'איז שוין געזאט געווארען דערויף אסאך תירוצים.

**און** מ'קען פארענטפערען און מסביר זיין דעם פסוק - אויף א אופן וואס שטעלט אוועק דאס גאנצע קוק אויפ'ן פסוק מיט א נייע דערהער. דער וואס ביי איהם איז טאקע 'טוב לי תורת פיך', אבער ער האט נאך די חשבונות, ס'איז פארהאנען גאלד - 'זהב' און ס'איז פארהאנען זילבער 'כסף', און גאלד - 'זהב' איז מער ווערט פון זילבער - 'כסף', ער האט נישט די ריכטיגע געפיהל פון 'טוב לי תורת פיך', ווייל 'טוב לי תורת פיך' איז נאר ווען ס'איז אן א חשבון, די תורה איז אזוי חשוב ביי איהם וואס ער רעכנט נישט בכלל, נישט די 'זהב' און די 'כסף' - וואס איז מער חשוב, נאר די תורה איז מער חשוב פון אלץ, און דעריבער האט דוד המלך דאס געזאגט נישט לויט'ן סדר - 'זהב וכסף'.

**און** נאך מער פון דעם, די אמת'ע אהבת תורה איז נישט ווען גאלד און זילבער איז חשוב אין זיינע אויגען - נאר די תורה איז איהם מער חשובער, ווייל דאס איז נישט די אמת'דיגע אהבת תורה, און ס'איז נאר צוגעגליכען אזוי וויא איינער וואס בויעט פאר זיך א לייטער פון וואס איז חשוב ביי איהם, 'כסף' און אויפדעם פון 'זהב' און די תורה איז נאך בעסער פון זיי, דער וואס טוהט אזוי איז אזוי וויא יענער צדוקי וואס האט געזאגט פאר רבא 'אכתי בפחזותייכו קיימיתו' (שבת פח.), פארוואס נעמסטו ארויס בלוט פון דיינע פינגער, ד. מ. אז די בלוט העלפט דיר נישט צו צום לערנען, נאר גאר פארקערט, די בלוט שוואכט דיר אפ, אבער די סארט טענות גייען שוין אריין אינעם גדר פון א חשבון, אין א גדר פון א מענטש וואס קוקט אויב ס'איז יא ווערט אדער ס'איז נישט ווערט. אבער די אמת'דיגע קבלת התורה איז מבטל צו זיין אלע חשבונות (עי' עבד"ד שבועות עמ' ד). און דערפאר איז די ריכטיגע געפיהל פון 'טוב לי תורת פיך' ביי אזיין איינער וואס מעסט נישט די חשיבות פון כסף וזהב - וואס איז חשובער פון וואס, ווייל ביי איהם זענעןביידע צוזאמען נישט חשוב בכלל, די תורה איז 'באהבתה תשגה תמיד' אן קיין שום חשבון, 'טוב לי תורת פיך' פון אלעס,

בין מקטן ובין מגדול, ווייל ס'איז בכלל נישט פארהאנען דעם סארט קוק פון מעסטען וואס איז מער חשוב.

**און** דוד המלך ע"ה זאגט '**תורת פיך**', נישט 'תורתך' נאר תורת 'פיך', און מ'קען טייטשען לויט וואס ס'שטייט אין מדרש (שמו"ר מא, ג) אויפ'ן פסוק (משלי ב, ו) '**כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה**', משל לתינוק שחזר מבית תלמודו לביתו, הניחו לפניו מנה לאכול, פנה הילד לאביו ואמר לו הנני רוצה את הפרוסה שאתה נגסת בה, כי ברצוני להרגיש את החביבות, את הנשיקה שלך, את הפרוסה שהתחלת לאכול הימנה, כך 'מפיו דעת ותבונה'. און דאס איז א ספציעלע מדריגה וואס נאר די יודען האבען, ווייל געוויס טאקע '**יתן חכמה**' איז שייך אויך ביים אומות העולם, וואס מ'האט זיי געגעבען סתם חכמה, און מ'מאכט אויף זיי א ברכה 'שנתן' מחכמתו, אבער חכמת התורה - '**מפיו**', דאס איז נאר פאר די אידישע קינדער, וואס מ'מאכט א ברכה '**שחלק**' מחכמתו (ברכות נח. ועי"ש במהרש"א).

**און** מ'דארף פארשטיין וואס איז שייך 'מפיו' באר'ן אייבערשטען. ויש לפרש לויט וואס ס'שטייט אין פסוק (שה"ש א, ב) '**ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודיך מיין**', טובים דודיך מער וויא **די** בעסטער וויין וואס ס'איז נאר דא, מער פון שטארקע וויין וואס מאכט שיכור, און דער מדרש (שהש"ר א, טז) ערקלערט אז '**ישקני**' איז פון לשון תשוקה' [ועי"ש שמביא משל הנ"ל על 'כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה'], און ס'שטייט אין **שפת אמת** (נשא תרנ"ד ותרומה תרס"ב) אויפ'ן פסוק (תהלים יט, ח) 'תורת ה' תמימה משיבת נפש', **כי הנפש יש בה השתוקקות נפלא אל מי שבראה**, דער גאנצער מהות און די מעלה פון א יודישע זעהל איז די רצון, תשוקה און חשק, און ס'ווערט געברענגט פון **צדיקים זי"ע** וואס האבען זיך געוואונדערט און האבען געזאגט צו דען האט א גוי א תענוג?! אפילו אויב ער וועט זיין די גרעסטער גביר - התאוה וההנאה הגדולה ביותר, פונדעסטוועגען וועט ער בכלל נישט דערגרייכען די הנאה און תענוג וואס א איד האט ווען ער זאגט שבת קודש תפילת נשמת! און אויף וואס רעדט זיך 'תפלת נשמת', 'נשמת' געבט ארויס דעם השתוקקות כפשוטה וואס יעדער איד

האט אין הארץ, ווייל יעדער איד האט א נשמה טהורה וואס איז א חלק אלוק ממעל, און זי גלוסט לבוראה און זי וויל זיך באהעפטען אינעם חי החיים. אבער דער השתוקקות און דער רצון ליגען באהאלטען און פארדעקט מיט אסאך שיכטען פון הבלי עוה"ז, פון פאלטשע רצונות, פון געפארבטע וואסער, וואס האלטען אפ פון צו שפירען דעם אמת'ן געפיהל פונעם נפש. אבער דורכ'ן תורה קען מען טרעפען און שפירען דעם רצון וואס ליגט באהאלטען אינעם נפש, ווייל 'תורת ה' תמימה משיבת נפש', די תורה מעקט אויס און נעמט אוועק די אלע גשמיות'דיגע רצונות וואס פארדעקען דעם אינערליכ'ן רצון, און ברענגט צוריק דעם נפש, זי געבט צוריק די תשוקה חשק און רצון צו גלוסטען צום אייבערשטען און צו תורה און מצוות. און דאס איז וואס שטייט '**ישקני מנשיקות פיהו**', לערנען תורה וואס ברענגט צוריק די תשוקה צום רבונו של עולם.

**און** דאס איז וואס דוד המלך ע"ה האט געזאגט טוב לי תורת 'פיך' דייקא, ווייל דער וואס לערנט טאקע אזוי וויא ס'דארף צו זיין, ער אנטפלעקט די רצון פונעם נפש וואס איז משתוקקת אל בוראה, איז זוכה צו צוקומען צו 'טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף' - אן קיין שום חשבון און ער מעסט נישט כסף וזהב.

**רש"י** אנהייב פרשת בחקותי ברענגט א חז"ל '**שתהיו עמלים בתורה**', מ'קען טייטשען 'עמלים' לויט דאס וואס שטייט אין די גמרא (פסחים לז.) אז ס'דא '**פת עמילה**' וואס איילט זיך נישט צו ווערען חמץ, ווייל עמילתה מעכבתה, כדתנן (מנחות עו.) כל המנחות טעונין שלש מאות שיפה וחמש מאות בעיטה, שהיו חובטים ודופקים על העיסה ומתעסקים בה כל הזמן כדי שלא תחמיץ. און דאס איז דער זינען פון שתהיו '**עמלים**' בתורה, אז דורכ'ן שטענדיגע 'עסק' און 'עמל' התורה, וועט עטץ נישט האבען קיין אנדערע רצונות, פאלטשע רצונות צו שקר'דיגע תאוות פון עולם הזה, ווייל די עמלות בתורה וועט נישט לאזען דעם שאור שבעיסה זויער מאכען דעם טייג. און אין **מאור עינים** (ישמח לב פסחים נ:) און אזוי אויך אין נאך ספה"ק (עי' אמרי נועם

פר' בחקותי) פארטייטשען אז 'עמלים' בתורה, איז פון לשון עמילן של טבחים, דער טייג וואס איז געמאכט געווארען אפצושוימען די זוהמא וואס געפינט זיך אינעם טאפ, ווייל לימוד התורה ביגיעה און מיט עמל שעפט אוועק די זוהמא פונעם גוף פונעם מענטש, און עס איידילט אויס און לויטערט אויס דעם דיקען גשמיות'דיגע חומר.

**און** דאס איז דאך די מטרה פון לימוד תורה, צו אנטפלעקען דעם אמת'דיגע רצון, זיך צו באהעפטען צום רבש"ע און זיין שייך צו איהם יתברך שמו, צו ערוועקען דעם השתוקקות און דעם דארשט וואס איז פארהאן אינעם נפש, ווייל די גאנצע נפש פונעם מענטש איז משתוקק צום אייבערשטען, אבער זי גלוסט נישט צו די געזאלצענער וואסער פונעם פאלטשע הנאות פונעם עולם הזה, און אזוי וויא ס'שטייט אין מדרש (קה"ר ו, ו) אויפ'ן פסוק (קהלת ו, ז) **'וגם הנפש לא תמלא'**, אפילו אתה מביא לה כל מעדני עולם אינם כלום לה, **לפי שהיא מן העליונים**, די 'נפש' וויל און זיכט עפעס אנדערש, נאר מיר אנערקענען נישט און שפירען נישט דעם אמת'ן רצון אירע, און דורכ'ן דבקות בתורה קען מען צוקומען צו דעם.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען ס'זאל באמת מקויים ווערען ביי אונז **'צמאה לך נפשי כמה לך בשרי בארץ ציה ועיף בלי מים'**, און מ'זאל זוכה זיין צו א שטענדיגע השתוקקות צום רבונו של עולם.